**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול טוט אפדעיטן ניו יארקער איבער עקסטרעמער וועטער און מערב ניו יארק רייזע פארבאטן.**

**גרענד איילענד, טונאוואנדא, עמהערסט, קלארענס און ניוסטעד גיין זיך צוריק עפענען פאר פארקער היינט 3:30 PM.**

***רייזע פארבאט בלייבט אין פלאץ אין צענטראלע אירי קאונטי און פילע דרום שטעטעלעך; קאמערציאלע פארקער אויך פארבאטן אויפן ניו יארק סטעיט טרו-וועי צווישען עקסיט 46 און די פענסליווועניע סטעיט ליניע.***

***ווייטערדיגע באריכטען ערווארטעט אום PM7 היינט נאכט.***

***ניו יארקער זאלן זיך ווייטער צוריק האלטן פון זיך באנוצן מיט די גאסן און פארמיידן אומנויטיגע רייזעס.***

***לעיק-עפעקט וועטער סיסטעמען גיין ווייטער באשאפען כמעט אוממעגליכער און געפארפולער רייזעס מיט ווייטאוט אומשטענדן דורכאויס זונטאג.***

***מעגליכע לעבנס-דראענדע אומשטענדן רעכענען אריין שטארקע ווינטן, פרירענדע גראד און לעיק אפעקט שניי.***

***סטעיט אף עמערדשענסי אין קראפט פאר פולע קאונטיס; ניו יארק נאציאנאלע גווארדיע אריין גערופן קיין מערב ניו יארק פאר עמערדשענסי אנטווארט הילף.***
***זוך און ראטעווע מאנשאפט איינגעשפאנט אין מערב ניו יארק***

***ניו יארקערס ווערן אנגעזאגט זיך צו גרייטן פאר מעגליכע קורצשלוסן און אנדערע ערנסטע ווינטער וועטער אפעקטן***

***ניו יארקערס קענען זיך איינשרייבן פאר עמערדזשענסי מעלדונגען [דא]()***

גאווערנער האקול און לאקאלע אויטאריטעטן האבן היינט געמאלדן אז די גענצליכע רייזע פארבאט פאר פאסענדשיר און קאמערציאלע פארקער אין אירי קאונטי וועט זיך ענדיגען אין גרענד איילענד, טאנאוואנדא, אמערהערסט, קלארענס און ניוסטעד היינט אום 3:30 PM. צענטראלע אירי קאונטי און פולע דרום שטעטלעך וועלן בלייבן אינטער א גענצליכע רייזע פארבאט ביז ווייטערדיגע מעלדונגען און די טרוועי בלייט פארמאכט פאר קאמערציאלע פארקער צווישען עקזיט 46 און די פענסליוועניע סטעיט ליניע. דרייווער ווערן געראטן זיך נישט צו באנוצן מיט די גאסן און צו פארמיידן אומנויטיגע רייזעס.

"אונזערע שטאב ארבעט רונדע די זייגער צו האלטן די גאסןליידיג און ניו יארקער פארזיכערט, און איך בין דאנקבאר אז די מערהייט ניו יארקער האבן געפאלגט אונזער רייזע פארבאט און האבן זיך נישט באנוצט מיט די גאסן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי די סיטואציע פארבעסערט זיך אין די צפון דערפלעך, גיין אונז אפרופן די רייזע פארבאט דארט, אבער אויב מוזט איר נישט פארן הייגט , בלייבט אינדערהיים און לאזט אונזער שטאב ווייטער גיין מיט זייער ארבעט. אויב זענט איר אין צענטראלע אירי קאונטי און א גרויס טייל פון די דרום שטעטלעך, בלייבט ווייטער אינדערהיים."

ניו יארקער אין מערב ניו יארק ווערן געבעטן צו בלייבן אינדערהיים דורכאויס די צייט אפשניט פונעם שטורעם. רייזעס אין אפעקטירטע געגענטער קען זיין געפארפול ביי געוויסע צייטן דורכאויס די נאכט צוליב לעבן'ס דראענדע בליזארד אומשטענדן ניו יארקער ווערן אויך ערמוטיגט צו זיך איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכן סאַבסקרייבן צו NY Alert אויף [https://alert.ny.gov](https://alert.ny.gov) — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

איצטערט איז פארהאן 25,569 קורץ-שלוסן לענגאויס די סטעיט, אריינגערעכנט 18,518 קורץ-שלוסן אין די מיד-האדסאן ראיאן, 90 אין מערב ניו יארק און 42 אינעם צפון קאנטרי. יוטיליטי שטאבן האבן מיטגעהאלטן מיט די מאס קורצשלוסן וואס זענען געשעהן ביז הייגט, און בלייבן אויף די וואך צוריק צו שטעלן סיי וועלכע קורץ-שלוסן אויב און ווען זיי גיין פאסירן.

גאווערנאר האקול האט אויף פרייטאג דערקלערט א סטעיט אוו עמערדזשענסי צו ווארענען און אנגרייטן ניו יארקער פאר מעגליכע געפארפולע און לעבנס-דראענדע שניי-שטורעם אומשטענדן פארגעזאגט צו אפעקטירן קאמיוניטיס לענגאויס לעיק ערי און לעיק אנטעריא. דער סטעיט אוו עמערדזשענסי גילט פאר די פאלגנדע קאונטיס: אלעדזעני, קאטאראוגוס, קאיוגע, טשאטאוקוע, ערי, דזשענעסי, דזשעפערסאן, לואיס, ליווינגסטאן, מאנראו, נייאגארא, אנטעריא, ארליענס, אסוועגא, ווייאמינג.

פריער הייגט צופרי, איז די רייזע פארבאט אראפגענומען געווארן פון די טאון'ס פון קאלינס, נארט קאלינס, קאנקארד, סארדיניא, קאלדען און האלאנד, אין צוגאב צו די ווילעדשעס פון נארט קאלינס און ספרינגוויל.

**<u>ווארעמונג שוץ-פלעצער</u>**
ניו יארק סטעיט וועט ווייטער אפערירן ווארעמונג שוץ-פלעצער מיט בעטן, קישענעס און דעקעס, און אזוי אויך מענטאלע געזונט קאונסעלארס ביי יעדע לאקאציע פאר הילף מיט זיך באנוצן מיט די פאסיליטעטן. נ"י נאציאנאלע גארד און די ניו יארק סטעיט אינסידענט מענעדשמענט טיעם טוהן אפערירן די פאלגענדיגע לאקאציעס:

- אירי קאמיוניטי קאלעדש (דרום קאמפוס), 4041 Southwestern Blvd, Buffalo, NY 14203
- ווינדאם עלעמענטערי שולע, 3870 Sheldon Rd, Orchard Park, NY 14127
- ארטשערד פארק מיטל שולע, 60 South Lincoln Ave, Orchard Park, NY 14127

די שטאט פון באפעלאו האט אויך געפענט ווארעמונג שוץ-פלעצער, מער אינפארמאציע אויף זיי קען מען טרעפן [דא](#). ניו יארק סטעיט האט צוגעשטעלט וואסער און MRE פאר סיי סטעיט און סיי שטאט ווארעמונג שוץ-פלעצער.

**<u>אויפזוכן און ראטעווען</u>**
ניו יארק האט צוגעלייגט אויפזוכן און ראטעווען רעסארסען פאר מערב ניו יארק אין אנטווארט צו דעם שטורעם, אריינגערעכנט:

- 33 סטעיט נאכגעפאלגטע וויקעלס
- 50  X44'ס
- 25 מיליטערישע אויטאס

נאך רעסארסען שטיין גרייט אינדערויסן פונעם שטורעם געגענט גרייט צו ווערן באנוצט אויב געדארפט, און די סטעיט קאארדינירט מיט די קאונטי זיך צו באנוצן מיט די שניי-מאבילן פאר נאך הילף.

<u>**אגענטור אקטיוויטעטן**</u>

**ניאגרא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט**

די ניאגרא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט שטעלט צו באגרעניצטע באס, באן און פארא-טראנסיט סערוויס פאר קונדען, באזירט אויף די וועטער אומשטענדען. פארן ארויסגיין אינדערויסן, קונדען זאלן באזוכן די NFTA וועבזייטל אויף [https://metro.nfta.com/schedules/plan-your-trip](https://metro.nfta.com/schedules/plan-your-trip) די באפעלאו עירפארט בלייבט אפען, אבער מערסטנטייל קאמערציאלע פליגער זענען געקענסעלד, רייזענדע זאלן זיך אינטערסירן מיט זיין עירליין איבער זייער פלייט סטאטוס פארן זיך ארויסלאזן צום עירפארט.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע האט אקטיוויזירט די סטעיטס עמערדזשענסי אפעראציע צענטער אין אלבאני צו קאארדינירן די סטעיטס ענטפער דורכאויס די עקסטרעמע וועטער אומשטענדן. שטאב מיטגלידער פון די אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג (Office of Emergency Management) שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ערמעגליכן פארלאנגען פאר הילף, און די סטעיטס אנגעזאמעלטע פראדוקטן זענען מאנשאפט גרייט ארויסצוגעבן עמערדשענסי אנטווארט און שעלטער צוגעהערן לויטן באדערפעניש.

די סטעיט פייער מאביליזאציע און קעגנזייטיג הילף פלאן איז אקטיוויזירט געווארן און די סטעיט אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל האט 24 פערסאנעל און אפאר סארטן עמערדשענסי אנטווארט וויקעלס אויסגעשטעלט ביים באפעלאו עירפארט. די ניו יארק סטעיט אינסידענט מענעדשמענט טיעם איז געווארן דיפלויד קיין מערב ניו יארק אין בעפארגרייטונג צום שטורעם, ארויסצוהעלפן מיט עמערדשענסי מענעדשמענט פארבינדענע ארבעט.

**דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן**

די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מיליטער און נעוועל אפעירס רופט ארויף 100 סאלדאטן און לופטלייט מיט 25 וויהיקלס פון די ניו יארק נאציאנעלע גווארדיע צו צושטעלן אלגעמיינע שטיצע פאר מערב ניו יארק.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז גרייט זיך אנצורופן צו דעם דורכאויסען-סטעיט וועטער געשעניש מיט מער ווי 3,700 אפערעיטארס און סופערוויַיזערס איבערן סטעיט. שטאב מיטגלידער קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (פלייצונג אפרוף, טשיפער, לאדנען און שלעפען, סוער דזשעט, קאָט ענד טאָס, טראפיק סיגנאל, א.א.וו.).  אלע שטובער אין אפעקטירטע געגנטער וועלן בלייבן מיט מאנשאפט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 מיט אפערעיטארס, סופערוויַיזערס, און מעכאניקערס דורכאויס די גאנצע געשעעניש, און פריאריטעט רייניגונג אפעראציעס.

אין צוגאב צו עקזיסטירנדע רעסארסען, האט דער דאפארטמענט איינגעשטעלט 74 שטאב מיטגלידער, אריינגערעכנט נאך 54 אפערעיטארס, 11 סופערוויַיזערס, און זעקס געצייג טרעגנירערס, צווי אינצידענט קאמאנד סופארט ספעציעליסטן און איין זיכערהייט פארטרעטער צו מערב ניו יארק, צוזאמען מיט 25

גרויסע שניי שארערס, דריי גרויס שניי בלאזערס, צוויי אנלאדענערס און א גרעידער אין צוגאב, פיר טרעפיק סיגנאל טעכניקער ווערן ארויס געשיקט צו די פינגער לעיקס ראיאן.

שטאטישע פארמעגן'ס זענען ווי פאלגענד:

- 1,599 גרויסע שארערס
- 337 לאודערס
- 148 מעסיגע שארערס
- 82 עקסקעוועיטער טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 52 שלעפער שארערס
- 37 שניי בלאזער
- 32 טראפיק סיגנאל טראקס
- 23 פיק-אפ טראָקס מיט שאר-געצייג
- 20 גרעידערס
- 13 בוים-קרו באקעט טראקס

פאר ריל-טיים רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org אדער די מאביל זייטל אויף m.511ny.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע קוואל.

**טרו-וועי אויטאריטעט**

די טרו-וועי אויטאריטעט שטאב איז פארנומען מיט שניי און אייז אקטיוויטעטן און איז גרייט מיט אן אנטווארט צום לעיק אפעקט ווינטער שטורעם מיט מער ווי 700 אפערעיטארס און סופערווייזערס אוועילעבל איבערן סטעיט. די אוטאריטעט פירט אריבער נאך שטאב מיטגלידער און שניי רייניגונג געצייג פון די סירעקיוס, אלבעני און ניו יארק אפטיילונג צו שטיצן שניי און אייז אפעראציעס אין מערב ניו יארק דורכאויס די ענדע וואך. שטאב טוט יעצט נאכקוקן די שטורעם גאנג און נאך אפערעיטרס און געצייג שטייען גרייט און וועלן ווערן ארויסגעשיקט אויב אומשטענדן פארלאנגען.

די צאלן פון די עקוויפמענט און מיטלען איבערן סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 364 גרויסע און מיטלע שארער טראקס
- 10 טאָו שארערס
- 64 גרויסע לאָודער טראקטארס
- אומגעפער 120,000 טאן פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן געניצט אויף צו ווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת'ן זיין אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און נאכגיין @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

עלעקטריק יוטיליטי פירמעס רעגולירט דורך די דעפארטמענט און פובליק סערוויס האבן אומגעפער 11,400 ארבעטערס איבערן סטעיט גרייט פאר אן אנטווארט פאר פארריכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט פאר די וואכענדע ווינטער וועטער פאסירונג. דעס רעכנט אריין די פאלגענדער אין-צוגאב

דרויסענדיגער קאנטראקט ארבעטער וואס זענען פארבליבען אינעם סטעיט נאכן ענדיגן זייער ארבעט פארבינדען צום שטורעם פריער אין וואך.

די פונקטליכע חשבון פון די ריסארסען פאר דעם ווינטער וועטער פאסירונג איז ווי פאלגענד:

- NYSEG און RG&E האבן 4,798 ארבעטער גרייט אריינגערעכנט 3,030 דרויסנדע ליניע ארבעטערס און 436 דרויסנדע בוים ארבעטער.
- נאשענאל גריד האט 4,362 ארבעטער גרייט, אריינגערעכנט 2,069 דרויסנדע ליניע ארבעטער און 382 דרויסנדע בוים ארבעטער.
- קאן עדיסאן האט 750 ארבעטער גרייט, אריינגערעכנט 100 דרויסנדע קאנטראקט ליניע ארבעטער פאר זייער בראנקס/וועסטשעסטער אפעראציע אפטיילונג.
- ארענדזש און ראקלענד האט 270 ארבעטער גרייט פאר די ענדע וואך וועטער געשעניש.
- צענטראל האדסען האט 135 ארבעטערס.
- PSEGLI האט 1,134 ארבעטער.

די יוטילטיס' עמערדזשענסי אנטווארט פלענער און פאסירונג קאמאנד סטרוקטורן זענען אקטיוויזירט נאכצוגיין אנטווארט, שאדן אפשאצונג, פארריכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט דורכאויס די פאסירונג. DPS שטאב מיטגלידער וועלן ווייטער נאכגיין אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן. אויב אייער סערוויס ווערט אפגעהאקט, באזוכט די DPS יוטיליטי סערוויס אפשטעלונגען [וועבזייטל](#) פאר טיפס.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

סטעיט פאליציי טוען ווייטער האלטן אן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס צו עפעקטירטע געגענטער ווי נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פאר-וויל-דרייוו און ספעציאליזירטע קארן און טרעקלעך, אריינרעכענענדיג סנאָו-מאָבילס, עיר שיפן און יוטיליטי טעררעין וויקעלס שטייען גרייט, און די נויטיגע געצייג ווערן יוטיליזירט פאר באלדיגער אנטווארט, לויטן נויט. אלע עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע'טעסט געווארן און פונקציאנירן ווי געדארפט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**

DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב מיטגלידער בלייבן אויפן וואך און זעצן פאר צו נאכפאלגן די אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. DEC טוט קאארדינירן ארויסשיקן רעסורן מיט אגענטור שותפים און אלע אוועילעבל מיטלען צו געציל͏טער געגנטער אין בעפארגרייטונג צו מעגליכע אפעקטירונג צוליב שניי, רעגן, און שטארקע ווינטן, אריינגערעכנט שנעלע וואסער הילף טיעמס און סאויערס.

DEC טוט דערמאנען די וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאראוועקנעמען און אפפירן שניי אויסצופאלגן די בעסטע וועגן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און פארמינערן די מעגליכקייט פאר פאלוטענטס ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדער אפפאל אין שניי פון אפעקטירן די וואסער קוואליטעט. אפפירן שניי צו לאקאלע שטראמען און טייכלעך קענען שאפן אייז דאמבעס וועלכע קענען גורם זיין פלייצונגען אין דערנעבנדע ערטער. פובליק און פריוואטע שניי שארער דרייווערס זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער די זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דורכאויס און נאך ווינטער שטורעמס. נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף [https://extapps.dec.ny.gov/docs/water_pdf/togs5111new.pdf](https://extapps.dec.ny.gov/docs/water_pdf/togs5111new.pdf).

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. רעאגירונג געצייג ווערט אנגעפילט, איבערגעקוקט און צוגעגרייט

פאר שטורעם רעאגירונג באנוץ. סטעיט פארקס האט סאויער מאנשאפט אין מערב ניו יארק און די צפון קאנטרי גרייט צו ארויסגיין פאר מעגליכע שאסיי רייניגונג אפעראציעס.

**זיכערהייט טיפס**

ווינטער וועטער:

- גיבט זיך אפ מיט שניי שארן עקוויפמענט. נוץ שטיין זאלץ צו צולאזן אייז אויף שאסייען, און זאמד צו ערמעגליכן טרעקשאן.
- גרייט אן אייער היים פאר די ווינטער און האט יערליכע אינספעקציעס אויף הייצונג מאשינען.
- אויב איר נוצט הייצונג אויל, מאכט זיכער אז איר האט גענוג.
- האט זיכערע, עמערדזשענסי הייצונג עקוויפמענט גרייט צו נוצן, און נוצט עס לויט די פירמע'ס אנווייזונגען.
- אינסטאלירט און קוקט איבער רויער אלארעמען.
- באשיצט וואסער רערן פון פארפרוירן ווערן.

**פארן אין ווינטער וועטער**

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו׳ען רעכענען אריין:

- דרייוו'ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- אויב איר מוז פארן, מאכט זיכער איר האט די וויכטיגסטע חפצים אין אייער קאר ווי דאכענעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריעס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס געֿטשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער׳ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייוון. פלאנירט אייערע סטאָפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. האלט אייביג אייער שנעלקייט צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראָקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויינינגער ווי דער באשטימטע ספיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שארער-טראָקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצורוימען עטליכע לעינס אויף א מאל.
- דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראָק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער׳ן שארער-טראָק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פרובירן פארבייגיין שארער-טראָקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו׳ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראָקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס ארבעט.

**קורצשלוסן**

פלאנירונג:
- אויב איר נוצט מעדיצינען וואס דארפן א פרידזשידער, קענען מערסטנס פון זיי געהאלטן ווערן אין א פארמאכטע פרידזשידער פאר עטליכע שעה אן קיין פראבלעם - מאכט זיכער מיט אייער דאקטער אדער אפטייקער.
- אויב איר האט פלאץ אין אייער פרידזשידער אדער פריזער, נעמט אין באטראכט די געדאנק פון אנפולן פלעסטיק קאנטעינערס מיט וואסער, לאזנדיג אן אינטש ליידיג אין יעדע איינס -דאס וועט העלפן האלטן עסן קאלט אין פאל פון א קורצשלוס.
- פלאנירט וויאזוי צו האבן א צווייטע וועג צו קאכן, אזויווי א קעמפ אויוון אדער דרויסנדיגע גריל. פאלגט אויס די פאסיגע זיכערהייט אנווייזונגען עס צו נוצן אינדרויסן פון שטוב.
- נעמט אין באטראכט צו קויפן א גענעראטור און פאלגט נאך די אנווייזונגען פאר'ן עס נוצן אינדרויסן פון אייער שטוב.  איידער איר אינסטאלירט א גענעראטור, מאכט זיכער זיך צו ריכטיג אפהאקן פון אייער יוטיליטי עלעקטרישע סערוויס. אויב מעגליך, ברענגט א קוואליפיצירטע עלעקטרישען צו אינסטאלירן אייער גענעראטור.
- האלט גרייט איבריגע דעקעס, מאנטלען, הוטן, און הענטשיקעס זיך צו האלטןווארעם.
- אויב איר האט א קאמפיוטער, האלט אין איין בעק'אפ'ען פיילס און אפערעיטינג סיסטעמען. לעשט אויס אלע קאמפיוטערס, מאניטארס, און אנדערע דעווייסעס ווען איר נוצט עס נישט.
- אויב איר האט אן עלעקטרישע גאראדזש טיר עפענער, טרעפט די פיזישע עפענער מיטל, און לערנט זיך וויאזוי עס צו נוצן.
- אויב איר האט א טעלעפאן דעווייס אדער סיסטעם וואס דארף עלעקטריציטעט צו ארבעטן, פלאנירט א צווייטע קאמיוניקאציע אזויווי א סטאנדארט טעלעפאן טרייבל, סעלפאון, אדער ראדיא.

**וואס צו טון אויב די עלעקטריציטעט פארלעשט זיך**
- אויסלעשן אדער אומבאהעפטן הויפט עפלייענסעס און אנדערע אויסריכטונגען, ווי צ.ב.ש. קאמפיוטערס, אין פאל פון א צייטווייליגע ענערגיע קראפט אנפלייץ וועלכע קען שעדיגן די כלים. לעשט נישט אויס איין ליכט כדי איר זאלט וויסן ווען לעקטער קומט צוריק. נעמט אין באטראכט צו ניצן סוּרדזש פּראטעקטערס ווען איר ניצט עלעקטראנישע אויסריכטונגען.
- רופט אייער יוטיליטי פראוויידער זיי מודיע צו זיין וועגן דעם אויסלעש און הערט אויס ארטיגע בראדקעסטס פאר אפיציעלע אינפארמאציע. פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פאררעכטונג סקעדזשוּלס.
- מאכט זיכער אז שכנים און אנדערע מיט צוטריט אדער פונקציע געברויכן האבן עלעקטריציטעט.
- נוצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג - ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלטס פרידזשידער און פריעזער טירן פארמאכט — רוב עסנווארג וועלכע דארפן געהאלטן ווערן קאלט קענען געהאלטן ווערן זיכערערהייט אין א פארמאכטע פרידזשידער פאר עטליכע שעה'ן. אן אומגעעפנטע פרידזשידער וועט האלטן עסנווארג קאלט פאר בערך פיר (4) שעה. אן אנגעפילטע פריעזער וועט האלטן דער טעמפעראטור פאר בערך 48 שעה.
- ניצט נישט קיין טשאַרקאָול גריל אינעווייניג און ניצט נישט קיין גאז אויוון פאר הייצונג — זיי קענען ארויסגעבן שעדליכע מאסן קארבאן מאנאקסייד.
- האלט זיך ווארעם דורך אנטון עטליכע שיכטן פון קליידונג און פארמינערן וואס מער צו זיין אינדרויסן. זייט פארזיכטיג וועגן קאלטע אנגעשטרענגט סימפטאמען (ווי צ.ב.ש. היפאטערמיע) און זוכט פאסיגע מעדיצינישע הילף אויב ווייזן זיך סימפטאמען.
- פארשפארט צימערן וואס איר דארפט נישט.

**צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:**
- Central Hudson: 800 527-2714-

- Con Edison:  800-752-6633
- נעשענעל גריד (National Grid):  800-867-5222
- NYSEG: 800 572-1131-
- O&R:  877-434-4100
- PSEG-LI:  800-490-0075
- RG&E:  800-743-1701

**הייצונג זיכערהייט**

- נוצט נאר זיכערע מקורות פון אלטערנאטיווע הייצונג ווי א פייערפלעיס, א קליינע גוט אויסגעלופטערטע האלץ אדער קויל אויוון אדער א רוקעוודיגע צימער הייצערס.
- ווען איר נוצט אלטערנאטיווע הייצונג מיטלען ווי א פייערפלעיס, א האלץ אויוון א.ד.ג., מאכט אייביג זיכער אז די רויעך ווערט גוט אויסגעלופטערט. פאלגט אייביג אויס די אנווייזונגען פון די פירמע.
- האלט פירהאנגען, האנטוכער און טאפ-האלטערס אוועק פון הייסע אויבערפלאכן.
- האט א פייער עקסטינגווישער און סמאָוק דידעקטערס און מאכט זיכער אז זיי ארבעטן.
- אויב איר נוצט קעראסין (נאפט) הייצונג אין צוגאב צו אייער רעגלמעסיגע הייצונג אויל, אדער אלץ אן עמערדזשענסי מיטל פאר הייצונג, פאלגט נאך די פאלגנדע זיכערהייט טיפּס:

  - פאלגט די אנווייזונגען פונעם פאבריקאנט.
  -נוצט נאר די ריכטיגע אויל פאר אייער יוניט.
  - פילט אן די אויל נאר אינדרויסן און נאר ווען די יוניט איז אפגעקילט.
  - האלט די הייצער צום וויניגסטנס דריי פיס אוועק פון מעבל און אנדערע אביעקטן וועלכע קענען כאפן פייער.
  -ווען איר נוצט די הייצונג, נוצט די אייזענע צודעקן (סעיפגאַרדס) און לופטערט גוט אויס.

**פארפלייצונג**

פלאנירונג:

- לערנט אפ די זיכערסטע וועג פון אייער היים אדער ביזנעס צו הויכע, זיכערע ערד אין פאל וואס איר דארפט זיך ארויסיאגן פונדערהיים.
- האלט אייער קאר אנגעפילט מיט גאז אדער געטשארדזשט. אויב לעקטער איז אפגעהאקט, איז מעגליך אז גאזאלין סטאנציעס וועלן נישט קענען פאמפן ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלט א קליינע דיזעסטער סופליי פעקל אין די טראָנק פון אייער קאר.
- געפונט אויס וויפיל פיס אייער פראפערטי איז העכער און נידעריגער פון מעגליכע פארפלייצונג שטאפלען. ווען ערווארטעטע פארפלייצונג שטאפלען ווערן איינגעמאלדן, וועט איר קענען פעסטשטעלן אויב איר קענט מעגליך פארפלייצט ווערן.
- האלט מאטעריאלן ווי זאמד זעקלעך, פלייוואד, פלאסטישע צודעקן און האלץ ביים האנט צו אפשטעלן וואסער אין פאל פון עמערדזשענסי.

**רייזע זיכערהייט**

- פארפלייצונג און שעדליכע ווינטן קענען מאכן דאס ארומפארן גאר געפארפול.
- פרובירט קיינמאל נישט צו פארן אויף א פארפלייצטע גאס — נעמט אן אנדערע וועג. געדענקט: "דרייט זיך ארום, זינקט נישט."

  -זעקס אינטשעס פון שנעל פליסיגע וואסערן קען אייך מאכן פארלירן קאנטראל פון אייער קאר אדער אייך אראפקלאפן אויב איר גייט צופיס.
  -שאצט נישט אונטער די כוח פון שנעל-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס פארט אויף בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א גאס אדער בריק.

-אויב וואסער הייבט אן זיך הייבן שנעלערהייט ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
-אויב די וואסער הייבט זיך אינעווייניג אין די קאר, זוכט שוץ אויפן דאך. פארט נישט ארום גאס צוימונגען.

פאר מער ווינטער זיכערהייט טיפס, באזוכט https://dhses.ny.gov/safety. פאר אלע נישט קיין עמערדזשענסי סערוויס געברויכן אין ניו יארק סטעיט איידער, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט nys.org211.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Facebook, Instagram און X (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן